# פיש ליסט - קיץ תשפ"ו לפ"ק

## לתועלת הרבים - ולמנוע ממכשול

**לאור דעם פסק הלכה פון די גדולי ופוסקי דורנו ובראשם מרן בעל שבט הלוי זצלל"ה אז מען טאר נישט עסן אזעלכע פיש וואס האט אין זיך די "אניסאקיס" ווערים. טוען מיר דא מפרסם זיין דעם פאלגענדן אפדעיטעד פיש ליסט (קיץ תשפ"ו), וואס איז צוזאמגעשטעלט געווארן דורך עטליכע כשרות ארגאניזאציעס וואס זענען ספעציעל באהאווענט אונעם געביט פון בדיקת תולעים בדגים.**

די פאלגענדע ליסטע איז בנוגע די פיש וואס איז מצוי אויפ'ן אמעריקאנער מארקעט, און נאר בנוגע די "אניסאקיס" ווערים. (נישט בנוגע אנדערע מיני ווערים וואס מאכט זיך מזומן לזמן).

### די פאלגענדע פיש (fresh, frozen, smoked, canned)
### האבן נישט דעם פראבלעם פון די אסור'ע אניסאקיס ווערים:
The following fish are Free Of This Concern:

| | |
|---|---|
| **Arctic Charr** Farm Raised | ארקטיק טשאר, פארעם רעיסד |
| **Baby Salmon** | בעיבי סעלמאן |
| **Bangus** | בענגאוס |
| **Barramundi** | בערעמאנדי |
| **Brook - Trout** Farm raised which it usually is | בראאק טראוט פארעם רעיסעד |
| **Bronzini** Farm raised which it usually is | בראנזיני פארעם רעיסעד |
| **Carp** | קארפ |
| **Flounder** **Only Georgia Banks, Channel** נאר<br>**Fluke,** Only the northern, the southern are sometimes infested. פלאונדער - פלאוק: נאר די נארטערן, די סאוטערן קען זיין אפראבלעם. | פלאונדער |
| **Gilthead seabream [Dorade]** farm raised | גילטהעד סי בריעם [דארעיד] פארם רעיסד |
| **Lemon sole** | לעמאן סאול |
| **Lox** (Farm raised, which it usually is, unless marked "wild"<br>(עפ"י רוב זענען די לאקס פארם רעיסעד חוץ ווען עס שטייט בפירוש ווילד) | לאקס, פארם רעיסד |
| **Mullet** | מאולעט |
| **Nile perch** (from lake victoria - africa) | נייל פערטש |
| **Ocean Perch** Canadian | אושען פערטש קאנאדיען |
| **Pike** | פייק |
| **Red Perch** Canadian | רעד פערטש קאנאדיען |
| **Red Snapper** (except Pacific) | רעד סנעפער (אלע, נאר נישט די פאסיפיק) |
| **Sable - Only** when marked**: Farm Raised Black Cod** | סעיבעל נאר אויב עס שטייט פארעם רעיסעד בלעק-קאד |
| **Salmon - Farm Raised** [1]<br>(e.g. Atlantic, British Columbia, Chilean, New Zealand, Norwegian, Scottish) | סעלמאן: נאר פארעם רעיסעד [1] |
| **Sardines -** Morocco and Philippines | סארדינען די פון מאראקא און פיליפינען |
| **Sardines [Skinless and boneless and Filletted]** All countries | סארדינען די סקינלעס און באונלעס און פילעיטעד |
| **Sea Bass -** Blue Nose (New Zealand), Grouper (Mexican), Striped Bass | סי בעסס - |
| **Tilapia** | טיילאפיע |
| **Trout- Farm Raised** | טראוט: פארעם רעיסעד |
| **Tuna** | טונא |
| **Whitefish -** Michigan, Great Lakes | ווהייט פיש: מישיגען, גרעיט לעיקס |

**1.** געווענליך די רעגולער סעלמאן וואס מען קויפט ביי די היימישע פיש געשעפטן זענען פארעם רעיסד און האט נישט קיין פראבלעם. אזוי אויך די סעלמאן וואס קומט פון ניו- זילאנד קען מען נוצען אפילו די וואס ווערט אנגערופן ווילד, ווייל זיי זענען למעשה פארם רעיסד.

**וויכטיגע באמערקונג:** די וואס קויפן גאנצע סעלמאן פיש אין די גרויסע טשעין סטאר'ס ווי Costco, ShopRite, Walmart Etc, דארפן זיכער מאכן אז עס איז נישט WILD CAUGHT, ווייל זיי האבן זייער אסאך מאל WILD CAUGHT וואס דאס האט אין זיך די אויבנדערמאנטע אסור'דיגע ווערים.

נ.ב. עס איז דא געוויסע קאמפאניס וואס איז ארויפגעשריבן אויף זייערע פעקעדשינג "נקי מחשש תולעים", דארף מען זיכער מאכן מיט יענעם רב המכשיר צו דאס מיינט נקי פון די אניסאקיס ווערים אויך.

### די פאלגענדע פיש (fresh, frozen, smoked, canned)
### האבן יא דעם פראבלעם פון די אסור'דיגע אניסאקיס ווערים:
The following fish are Of Concern:

| | |
|---|---|
| **Butterfish** | באוטערפיש |
| **Canned Salmon** (Wild, unless marked farm raised)<br>זעה אונטן ביי לשאלת רבים | קעננעד סעלמאן |
| **Cod** | קאד |
| **Fish Sticks, Fish patties, Fish Cakes - Filleted**<br>(וואס זענען געמאכט פון די פראבלעמאטישע פיש ווי פאללאוק אד"ג)<br>בנוגע מינסד זעה אונטן ביי לשאלת רבים | פיש סטיקס , פעטטיס, קעיקס וואס זענען פילעטעד |
| **Flounder** All other types (including: Dabs, Turbot , Yellow Fin Sole, Yellow Tail)<br>אלע סארטן אחוץ די סארט וואס איז דערמאנט ביי די כשר'ע קאטעגאריע | פלאונדער |
| **Haddock** | העדדאק |
| **Hake** [2] | העיק [2] |
| **Halibut** [3] | העליבאט [3] |
| **Mackerel** [די פון מאראקא זענען יא ריין] | מאקארעל |
| **Ocean Perch** Icelandic | אושען פערטש אייסלאנדיק |
| **Pollock** [די פארפרוירענע פאללאוק ווערט געמאכט בדרך כלל פון די פראבלעמאטישע פיש] | פאללאוק |
| **Red Perch** Icelandic | רעד פערטש אייסלענדיק |
| **Red Snapper** Pacific | רעד סנעפער פאסיפיק |
| **Sable** [סעיבעל: ווערט אסאך מאל געמאכט פון "סי בעסס" קוקט ווייטער ביי "סי בעסס"] | סעיבעל |
| **Salmon- wild** [בנוגע ווילד פון ניו-זילאנד, קוק הערה נומ. 1] | סעלמאן -ווילד |
| **Sardines [with skin and bones]**<br>From Portugal, Scotland and Norway. פון סקאטלאנד, פארטוגאל, און נארוועגיע. | סארדינען [מיט די הויט און ביינער] |
| **Sea Bass** (Australian, Chillian[4]) | סי בעסס (אוסטראליען, טשיליאן[4]) |
| **Sole** | סאל |
| **Turbot** [5] זעה נאך וועגן טורבאוט אונטן ביי לשאלת רבים | טורבאוט [5] |
| **Yellow Perch** | יעללאו פערטש |

2. אינעם מדריך הכשרות פון ביד"צ עדה החרדית ווערט געברענגט אז עס איז דא א מין העיק וואס קומט פילע"י (מיט די הויט) פון סאוט אפריקע, וואס האט נישט קיין פראבלעם.

3. אינעם מדריך הכשרות פון ביד"צ עדה החרדית ווערט געברענגט אז די העליבאט וואס קומט פון נארוועגי"י און פון אייסלאנ"ד קען מען נוצן די אונטערשטע חלק פון די פיש ווייל די אניסאקי"ס זענען נאר מצוי אין דעם אויבערשטן חלק פון די פיש ע"כ. אבער די אלאסקא"ן קען זיין אינפעסטירט אין אנדערע חלקים אויך.

4. נאך די לעצטערע בירורים, האט זיך אויפגעוויזען אז די סי-בעסס וואס זענען אינפעסטירט, טרעפט זיך די ווערים אין אלע חלקים פון די פיש, (און עס העלפט נישט אוועקצושניידן געוויסע חלקים). מיר דארפן נאך ווייטערדיגע בירורים מברר צו זיין פון וועלכע ערטער עס קען זיין אז די סי-בעסס פון דארט זאלן זיין ריין.

5. אינעם יעצטיגן סעזאון איז דא א געוויסע סארט טורבאט (Greenland Halibut) וואס קומט פארפרוירן (די געדערים ווערט ארויסגעשניטן תיכף ווען זיי ווערן געכאפט, און זיי ווערן גלייך פארפרוירן), לויט די יעצטיגע ידיעות זענען זיי בדרך כלל ריין.

די פראדוקטען מיט די הכשר פון ביד"ץ עדה החרדית קען מען נוצען ווי זיי שרייבן אין מדריך הכשרות אז זיי לאזן נישט נוצען אונטער זייער השגחה די פיש וואס האט דעם איבערדערמאנטע פראבלעם.

**התודה והברכה: מיר ווילן דא אויסדרוקן א דאנק פאר עטליכע פון די כשרות ארגאניזאציעס וואס זייער אינפארמאציע און עקספערטיז איז געווען בייהילפיג ביים צוזאמשטעלן דעם ליסט. וועד הכשרות דביד"צ עדה החרדית • חברה מבקשי הכשרות (חמ"ה) דמאנסי • בי"ד לעניני כשרות דשיכון סקווירא (NSK) • בי"ד מנחת חינוך טארטיקוב • וועד הכשרות דלעיקוואוד (KCL) • וועד הכשרות דפייוו טאונ'ס & פאר-ראקאוועי • סטאר -קעי STAR- K • RABINICAL COUNCIL OF CALIFORNIA (RCC) - וועד הרבנים דפלעטבוש**

## לשאלת רבים

### הערינג (Herring)

ווי שוין געשריבן די פארגאנגענע יארן האט זיך פון די בדיקות וואס מיר האבן געמאכט אויף די הערינג, ארויסגעשטעלט אלס א פאקט די הערינג וואס ווערט אימפארטירט דאהי קיין אמעריקע און קומט (בדרך כלל) שוין אויסגערייניגט פון די געדערי"ם, (וואס ווערט פארלאנגט עפ"י חוק), איז אסאך ריינער (קלינער) פון די הערינג וואס קומען אן אין אנדערע מדינות גאנצערהייט מיט די געדערי"ם וואס דארט געפונט זיך אסאך מער ווערים. מיר האבן בודק געווען הערינג פון עטליכע היזיגע קאמפאני"ס, עס איז געווען אזעלכע וואס זענען געווען כמעט ריין (אזוי ווייניג ווי 1 ביז 2 פראצענט), עס איז געווען אזעלכע וואס זענען נישט געווען אזוי ריין ווי די אנדערע אבער אויך נישט מער ווי א מאקסימום פון ארום 5 ביז 6 פראצענט.

### טורבאוט (Turbot)

די טורבאט וואס קומט פרישערהייט איז געווענליך היבש אינפעסטירט, מאנכע ווילן זיך פארלאזן צונוצן די פיש אויב מען איז דאס בודק און מען נעמט ארויס די ווערים. ווי שוין געשריבן האט דער **בי"ד לעניני כשרות פון שיכון סקווירא** מפרסם געווען אז מען זאל די פיש נישט נוצען אפילו אויב מען איז דאס בודק, ווייל אויף די פיש העלפט נישט קיין בדיקה. און ווי **הרה"ג ר' חיים מאיר וואגשאל שליט"א** (וואס איז באקאנט מיט זיין געוואלדיגע מומחיות בשדה הכשרות און באזונדער'ס אויף דעם געביט פון בדיקת תולעים) געבט איבער אז נאך פארשידענע עקספערימענטן וואס זיי האבן געמאכט האבן זיי אויסגעפונען אז די טורבאוט פיש קען מען נישט בודק זיין, ווייל אפילו נאכ'ן בודק זיין בלייבט נאך אלס איבער ווערים.

אין דעם יעצטיגען סעזאון איז דא א מין טורבאוט (Greenland Halibut) וואס קומט פארפרוירען, לויט די יעצטיגע ידיעות זענען זיי בדרך כלל ריין (זעה אויבן און נומ.5).

### פיש סטיקס, פעטטיס, קעיקס, - מינסעד (Minced)

די סארט פראדוקטן זענען בדרך כלל געמאכט מיט די פראבלעמאטישע פיש ווי פאללאוק אד"ג. אין די פארגאנגענע יארן האבן מיר געשריבן אז מינסד מיינט שטארק צומאלן און דעריבער קען מען דאס נוצן ווייל די ווערים ווערן צומאלן און בטל. מען האט אונז אבער מעורר געווען אז עס איז דא פארשידענע אופנים פון מינסד און נישט ביי אלע אופנים ווערט עס גענוג שטארק צומאלן אז די ווערים זאלן בטל ווערן (ווייל די ווערים קענען אדורך גיין און ווערן נישט צומאלן). **עס איז דא צובאקומען פיש סטיקס פון 'טיילאפיע' אדער פון "פארם רעיסד סעלמאן", ווי אויך איז דא צובאקומען פיש סטיקס (אין באלק) געמאכט פון "נייל פערטש" [דיסט. 845.371.6666], ווי אויך פון קארפ [דיסט. 908.862.8200] וואס זיי זענען ריין פון דעם חשש.**

### קעננע"ד סעלמאן (Canned Salmon)

בנוגע די סעלמאן פיש אין קענ"ס (Canned Salmon) פון פארשידענע קאמפאניס. ווילן מיר דא קלאר שטעלן אז די קענ"ס וואס איז געמאכט פין ווייל"ד קאו"ט (Wild Caught) האט דעם פראבלעם פון די אניסאקי"ס ווערים, אפילו די סקינלעס און באונלעס. **לעצטענס איז דא צובאקומען קעננע"ד סעלמאן וואס איז געמאכט פון 'פארם רעיסד' וואס איז ריין פון די אניסאקיס.** (עס דארף שטיין ארויסגעשריבן אז עס איז פון 'פארם רעיסד').

### קא"ד ליווע"ר COD LIVER אין קענ"ס

עס איז דא א געוויסע פראדוקט וואס קומט אין קענ"ס עס הייסט קא"ד ליווע"ר (נישט אויסמישן מיט קא"ד ליווע"ר אויל וואס איז עפעס אנדערש), עס קומט פון אייסלאנד, דאס איז די לעבער (ליווע"ר) א חלק פון די בני מעיים פון קא"ד פיש, כאטש עס האט א זיגל פון עפעס א הכשר פון דענמארק, דארף מען אבער וויסן אז מען קען דאס נישט נוצן ווייל עס האט אין זיך ווערים.

**פאר מער אינפארמאציע קענט איר אריינרופען צום וועד אויף 718.362.8805**

**נתפרסם ע"י וועד למנוע ממכשול אכילת דגים המתולעים בתולעי "אניסאקיס" • 718.362.8805**